# נקדישך

די אומשאצבארע
**סגולה**
און די געוואלדיגע
**מעלה**
פון
**נישט רעדן**
**ביים דאווענען**

גליון י"ב

## והמגפה נעצרה

(פארזעצונג פון די פאראגאנגענעם וואך)

**אין קורצן פון פריער: אין די שטאט אוסטראה ברעכט אויס א מגפה, דער רב פון שטאט אנטדעקט א צדיק נסתר און פרעגט איהם וואס מען קען טוהן אפצושטעלן דעם מגפה**

דער צדיק האט גענומען ענטפערן, זאגנדיג, "עס איז דאך א פשוט'ער זאך ווייל עס שטייט אין פסוק "וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך ויראו ממך", און חז"ל האבן גע'דרש'נט אז דאס זענען די תפילין וואס מען טוט אן אויף דער קאפ, דערפאר, ווען איך בין אריינגעקומען אין שוהל אנגעטון אין טלית און תפילין איז דעם עולם באפאלן א פחד -"

"אבער אונז לייגן דאך אויך תפילין," האט דער רב אים איבערגעהאקט, "און עס פאלט נישט קיין מורא דערפון?"

האט דער צדיק געענטפערט, "איך אבער בין געווארנט, נאך פון ווען איך בין נאך געווען יונג, גארנישט צו רעדן מיט די תפילין און כ'האב זיך געפירט מיט זיי מיט קדושה און מיט אן ערענסטקייט ווי עס פאסט, דערפאר איז נישט בטל געווארן פון מיינע תפילין די גרויסע קדושה וואס איז דא אין זיי און עס איז פארבליבן די סגולה וואס חז"ל האבן געזאגט אז דורך די תפילין וואס מ'לייגט אויפ'ן קאפ האבן די פעלקער מורא, עס איז ווירקליך מקוים געווארן ביי מיר און מען פארכט זיך פון מיר. אבער אויב איז מען נישט געווארנט מיט דער קדושה פון תפילין און מען שעצט זיי חלילה נישט גענוג, נאר מען רעדט דערמיט דיבורי חול און מ'איז מסיח דעת און מ'פירט זיך מיט א קלות ראש, איז כאטש וואס מ'איז יוצא די מצוה ווערט אבער פארלוירן די סגולה וואס איז דא דערין.

"און פארוואס איך האב זיך צוריקגעהאלטן פון קומען אין שוהל? איז אויך וועגן מען איז נישט געווארנט נישט צו רעדן דיבורי חול אין שוהל וואו עס איז פאראן א גרויסע קדושה, און כ'קען דאס נישט פארטראגן, און אז כ'זאל נישט אויך נכשל ווערן אזוי צו רעדן אין שוהל, דערפאר קען איך נישט קומען דאווענען אין שוהל."

ער האט אויסגעפירט, "און דאס איז אויך די סיבה פון דער שרעקליכער מגיפה אין שטאט, וויבאלד מ'איז נישט געווארנט נישט צו רעדן דיבורי חול אין בית המדרש און ספעציעל מיט די תפילין. איז אויב וועט איר זען דאס אלץ צו פארריכטן דאן וועט זיך באלד אפשטעלן די מגיפה."

ווי נאר ער האט געענדיגט זיינע רייד איז ער זיך ווייטער געגאנגען זיין וועג און איז פארשוואונדן געווארן פון פאר די אויגן.

ווען דער רב האט געהערט די ווערטער האט ער געהייסן אויסרופן איבערן שטאט אז ער וועט נאך אינעם זעלבן טאג האלטן א דרשה אינעם גרויסן שוהל, קיינער מעג עס נישט פארפאסן. די עולם האט טאקע געשטראמט אין דער מאסן צו דער דרשה, דער רב איז ארויף אויף דער בימה און האט אנגעפאנגען מיט א פייערדיגן דרשה ווי ער האט אויפגעוועקט די עולם תשובה צו טון און צו זיך פירן מיט מורא און כבוד פאר'ן בית המדרש, אזוי אויך האט ער גערעדט וועגן דער הייליגקייט פון תפילין. ער האט דערציילט די מעשה פון דער צדיק נסתר, אז ער האט אים אנטפלעקט אז דאס איז די סבה פון דער מגיפה אין שטאט. אלע פארזאמלטע האבן שטארק געוויינט, עס איז געווען א גרויס התעוררות און באלד האט מען געמאכט א תקנה וואס יעדער האט גענומען אויף זיך, אז עס איז אסור פאר יעדן איינעם צו רעדן אין שוהל קיין שום זאך וואס קומט נישט דארט צו רעדן און ספעציעל איז אסור מיט די תפילין. אויך האט מען דערנאך אויסגעקריצט אויף א טאוול מיט גרויסע אותיות די תקנה אז עס איז אסור צו רעדן אין שוהל יעדן דיבור חול, און מען האט עס אויפגעהאנגען אויף דער וואנט פון שוהל.

פון יענעם טאג אן זענען די מענטשן אין שטאט געווען זייער געווארנט מיט וואס זיי האבן זיך אונטערגענומען, ווען א גאסט וואס האט נישט געוואוסט פון דער תקנה איז אנגעקומען אין שטאט און האט עפעס גערעדט אין שוהל האט מען אים גארנישט געענטפערט נאר מען האט אים צוגעפירט צום טאוול ער זאל זען דער איסור וואס שטייט דארט אז מען מעג נישט רעדן אין שוהל, און מען איז ארויסגעגאנגען מיט אים אינדרויסן, דארט האט מען אויסגעהערט וואס ער האט געהאט צוזאגן און מען האט אים געהאלפן מיט וואס ער האט גאדארפט. באלד נאך וואס די שטאטלייט האבן זיך אונטערגענומען די קבלה האט זיך די מגיפה אפגעשטעלט און עס איז צוריקגעווארן פריילך אין שטאט. (די מעשה האט דערציילט הגה"צ רבי ישעי' חשין ז"ל ירושלים עיה"ק).

## געקענסעלט דעם אפערעישאן

ס'איז געווען פאריאר חודש אב, ווען כ'האב אינמיטן טאג באקומען א טעלעפאן-קאל פון דער קעמפ וואו מיין 10 יעריג אינגעל האט געווילט זומער, אז מיין אהרן'לע האט זיך שטארק צעקלאפט, און די הצלה וואלונטירן פירן אים יעצט אריין אין שפיטאל, און כ'זאל שוין אהינפארן זיך טרעפן מיט'ן קינד.

אויף אזעלכע בשורות ווארט קיינער נישט, אבער ב"ה ס'איז נאר דער פיס, כ'בין געקומען צו פארן פון שטאט, אנקומענדיג אין שפיטאל האט מען שוין געהאלטן נאכן מאכן די עקסרעי'ס, דער דאקטער האט געזאגט, אז עפעס זעט אים נישט אויס אזוי גלאטיג, ער וויל אז א ספעציאליסט זאל זען די בילדער.

עס האט זיך אויסגעשטעלט אז דער צעבראכענע ביין איז א תוצאה פון א גרעסערע פראבלעם ה"י וואס דאס קינד האט אינעם ביין פונעם פיס, וואס מען מוז 'קעיר נעמען' דערפון תיכף ומיד. די עסקנים האבן מיר גע'עצה'ט צו גיין צו א גרויסע ספעציליסט אין דעם פעלד און הערן זיין מיינונג.

"מען דארף 'שוין' סקעדזשלען אן אפערעישן", האט דער דאקטער געזאגט, "דאס וועט היילן דעם פראבלעם פון דער ביין וואס דאס קינד האט שוין לאנגע יארן, און אויך, האט דער דאקטער צוגעלייגט, וועט מען דארפן לייגן א 'ברעיס' כדי צאמצושטעלן דעם צעבראכענעם ביין". דער דאקטער האט אונז נאך אביסל אנגעשראקן, אז ס'איז א האקעלע 'פעסידזשער', ווייל פון יענעם פלאץ וואקסט דאס קינד און מ'דארף האפן אז עס זאל געלונגען.

מיר האבן געוואוסט אז מ'טאר נישט ווארטן, מ'האט תיכף ומיד באשטימט א טאג ווען מ'וועט אפערירן דעם פיס, און מ'איז שוין אפילו געווען אין שפיטאל מסדר זיין די הכנות און טעסט'ס פאר'ן אפערעישען און געהאפט אויפן בעסטן.

איין נאכט, בין איך אריין אין סאטמארער בית המדרש אין מאנסי דאווענען מעריב, כ'האב געזען דארט א ים מיט צעטליך, אז דער וואס איז מקבל אויף זיך אויסצולעשן זיין סעלפאן בשעת'ן דאווענען קען שיקן א קוויטל מיט א שליח צום ציון פון תוספת יו"ט - ו' אלול, וואס ווי באקאנט האט דער תוס' יו"ט מתקן געווען א ספעציעלע "מי שברך" פאר די וואס רעדן נישט אין שול.

אויסלעשן דער סעלפאן בשעת'ן דאווענען, האב איך געטראכט צו זיך, איז נישט פאר מיר, כ'בין א פארנומענע ביזנעס מאן און קען זיך דאס נישט מקבל זיין, אבער דאך האב איך געוואוסט אז איך דארף יעצט א גרויסע ישועה מיט מיין קינד.

נאכן דאווענען האט א איד דארט אין ביהמ"ד אויסגעקלאפט און מעורר געווען דעם ציבור בקדושת

בית המדרש און ער האט דערציילט א מעשה וואס האט פאסירט ביי א מתפלל פון ביהמ"ד, וואס זיין צוויי יעריג קינד האט אראפגעשלינגען א שרויפעל, און נאכן מאכן א עקסרעי האט זיך ארויסגעשטעלט אז ס'איז זייער נאנט צום הארץ און עס קען זיין סכנות נפשות, רחמנא ליצלן, און אויב עס קומט נישט ארויס ביז געציילטע שעות וועט מען דארפן אפערירן דאס קינד נעבן דאס הארץ ה"י.

יענע נאכט ביי קריאת שמע, האט דער איד דערציילט, האט דער טאטע זיך מקבל געווען אויסצולעשן זיין סעלפאן בשעת'ן דאווענען, און געבעטן דעם באשעפער אז בזכות זה זאל זיין טאכטער געהאלפן ווערן אן קיין שום שאדן ה"י.

דער אנדערער צופרי, דערציילט דער איד, האט די מאמע געזען דעם שרויף ב"ה און דער יוד האט געוויזן בילדער דארט פון די עקסרעי'ס פאר'ן קבלה און נאכדעם.

נאכן הערן דער נס, האב איך זיך געקווענקלט, ס'איז טאקע שווער, אבער מיין קינד שטייט יעצט פאר אזא האקעלע אפעראציע און כ'האב זיך מקבל געווען אויסצולעשן מיין סעלפאן אויף איין חודש. אנקומענדיג אהיים, האבן די מחשבות נישט געגעבן קיין מנוחה, אפשר בין איך מחויב צו טון פאר מיין קינד מער פון דעם. כ'בין צוריק געגאנגען אין שול און זיך מקבל געווען אויף א גאנץ יאר.

דער אנדערע צופרי באקום איך א טעלעפאן קאל פון מיין קינדער- דאקטער, וואס האט מיטגעהאלטן די גאנצע פרשה, אז ער האט איבערגעקלערט דער ענין, און ער וויל אז איך זאל בשום אופן נישט גיין צו יענעם ספעציאליסט וואס האט געהייסן אפערירן דעם ביין, נאר דוקא גיין צו א צווייטע דאקטער וואס איז א מומחה אויף צעבראכענע פיס. (דער קינדער-דאקטער האט מסביר געווען, אז אזוי ווי זיין קינד האט זיך אויך צעבראכן דער פיס דעם זומער, און איז זייער גוט באהאנדעלט געווארן דורך דעם דאקטער, וויל ער מ'זאל דוקא אהינגיין הערן זיין מיינונג).

כ'בין געווען אין א גרויסע פארלעגנהייט, דא הייסן די ארגאניזאציעס און עסקנים דוקא גיין צו דער ספעציאליסט וואס זאגט אז די אפעראציע איז דרינגענד וויכטיג, און דא שרייט מיין קינדער-דאקטער אז כ'זאל בשום אופן נישט פאלגן וואס ער זאגט, נאר גיין צו א צווייטן הערן וואס ער זאגט. און צווישן באקום איך טעלפאן קאל פונעם שפיטאל, אז מ'וויל קאנפארמען דער אפוינטמענט פאר'ן אפעראציע.

אונזער קינדער-דאקטער איז זייער איבערגעגעבן צו דער משפחה שוין לאנגע יארן, און כ'האב געוואוסט אז אויב וויל איך אים נישט באליידיגן, מוז איך כאטש גיין הערן וואס יענער דאקטער האט צו זאגן. דעריבער האב איך געענטפערט פאר'ן שפיטאל, אז עס האט זיך געמאכט א פראבלעם, און כ'וועל נישט קענען האלטן יענעם זמן.

מיר האבן אנגערופן יענע דאקטער און געוואלט מאכן אן אפוינטמענט, אבער ער האט געזאגט אז מ'וועט דארפן ווארטן נאך א חודש, מיר זענען געווען זייער פארלוירן, מיר האבן געשפירט קרח מכאן ומכאן, דער אפערעישן האט מען געקענסעלט און דער נייער דאקטער נעמט אונז נאכנישט אויף, און דא ווייסן מיר אז אונזער קינד האט א ערנסטע פראבלעם.

נאכן אומרוהיג אויסווארטן זענען מיר אנגעקומען צום צווייטן דאקטער, און דערציילט וואס דער ערשטער זאגט וועגן דער ביין פראבלעם. נאכן מאכן די טעסט'ס און זען די אלע בילדער, זאגט דער דאקטער, אז דער ביין האט אנגעהויבן צוריק צו וואקסן פון זיך אליינס, און צו די זעלבע צייט היילט זיך דער פראבלעם פון זיך אליינס. און עס פעלט ממש גארנישט אויס צו טון! און אזא זאך, האט דער דאקטער געזאגט, איז א קליינע פראצענט שאנס אז דאס זאל געשען!

מורי ורבותי, ס'איז שוין יעצט א יאר נאכ'ן מעשה, ס'איז נישט געווען קיין שום אפערעישן, מיין קינד איז ב"ה פריש און געזונט, דעם שבת פרשת עקב העעל"ט האב איך שוין געמאכט א קידוש צו דאנקען דעם באשעפער אויף זיינע גרויסע חסדים, מ'דארף נאך איינמאל צוריקגיין צום דאקטער זיכער מאכן אז אלעס איז הונדערט פראצענט אקעי און פטור אן עסק.

איך בין נישט אין הימל, טייערע אידן, אבער איך קען נאר זאגן וואס מיין אויג זעט, נישט דער ערשטער האט געהיילט מיין קינד, נישט דער קינדער דאקטער האט רוח הקודש, און דער צווייטער דאקטער האט אויך גארנישט געטון צו היילן מיין קינד.

איך בין עס אינגאנצען תולה אין דער זכות פון דער תוס' יו"ט וואס האט געוואונטשן אין דער מי שברך: "...כל מי ששומר פיו ולשונו שלא לדבר בעת התפלה, הקב"ה ישמרהו מכל צרה וצוקה ומכל נגע ומחלה... ויזכה לראות בנים חיים וקיימים, ויגדלם לתורה לחופה ולמעשים טובים..."

און לגבי דער קבלה קען איך קלאר זאגן, כ'האב געמיינט אז ס'איז נישט מעגליך אויסצולעשן דעם סעלפאן בשעת'ן דאווענען, אבער איך האלט שוין ב"ה נאך א גאנצע יאר, און כ'האב גארנישט דערלייגט, מיין פרנסה איז ב"ה גארנישט שוואכער געווארן, כ'האב זיכער נאר פארדינט דערפון און איך בין אייך אלע מייעץ עס נאכצוטון ווען יעדער איז געזונט און שטארק...

(מהגליון שלום וברכה)


בס"ד

# איז דאס אייך?...




**ווייסן זאלט איר** אז איר זענט עובר אויף פילע הלכות וואס שטייען קלאר ארויס אין שו"ע (או"ח סימנים צ"ב-ק"ה) צב"ש: אוועק נעמען אלעס וואס שטערט דאס דאווענען, נישט דאווענען מיט קלות ראש אדער דברים בטלים. אוועקנעמען אלע מחשבות וואס שטערן. נישט דאווענען אויף א ארט ווי עס איז פארהאנען זאכן וואס שטערן דאס דאווענען און נאך.

**טראכט גוט!** צו וואלט איר זיך אזוי אויפגעפירט ביי א דזשאב אינטערוויא אדער ביי א מיטונג מיט א פערזענליכקייט, ווי א לויער, א ריכטער וכדומה? אוודאי נישט!

**אבער** ווען איר שטייט און באגעגענט זיך, מען דאווענט און מען בעט פונעם מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, פאר אייך און אייער משפחה, אויף געזונט, פרנסה, נחת, שידוכים, וכו', אלעס פאר אומזיסט. פארוואס דא זענט איר אזוי מזלזל? אייער ציהל איז דאך צו טוהן דעם רצון ה'!

**לאמיר זיך אונטערנעמען אויסצולעשן דעם טעלעפאן בשעת'ן דאווענען! (אויך נישט אויף ווייברעיט...)**

אמר הקב"ה אין אדם שומע לי ומפסיד (מדרש רבה דברים פרק ד')

ומקדשי תירא"ו

מוגש כחומר למחשבה ע"י חברת "ויראת מאלקיך" - "ומקדשי תיראו" | להשיג חינם: 0533-199990 | a0573199990@gmail.com